# מיר נעמען אריין נאר די "סמעטענע"...

נאך די שרעקלעכע טרגדיה וואס איז פארגעקומען אין אתרא קדישא מירון דעם פארגאנגענעם ל"ג בעומר, איז ארויס געקומען א שטארקע בריוו פון כ"ק האדמו"ר מוויזשניץ-לונדון שליט"א, ווי דער רבי פאדערט שטארק אז מ'זאל זיך מער אפגעבן מיט שוואכע בחורים, מ'זאל זיי נישט לאזן חלילה פארפאלן ווערן. אין מירון זענען נפטר געווארן פינף-און-צוואנציג בחורים ל"ע, וואס טוט זיך אבער מיט די אנדערע הונדערטער בחורים וואס זענען טויט?? - יא! - זיי גייען און קומען עסן און טרינקען און רייכערן, אבער זיי זענען טויט!! - א גוף אָן א נשמה! ווער קוקט זיך אים אויף זיי? וועמען אינטערעסירט דאס?

איך וויל נאר צולייגן אפָּאר נקודות:

ס'האט מיר דערציילט הגה"צ אב"ד ראדאשיץ שליט"א, וואס ער האט געלערנט אין די טאהש'ער ישיבה, אז אסאך מאל פלעגט דער טאהש'ער רבי באגעגענען די מגידי שיעורים ארויס קומען פון שיעור, און ער האט זיי פארגעהאלטן "וואס דרייסטו זיך מיט די גרויסע גמרא אין די האנט?? האסטו זיך אפגעגעבן מיט די בחורים? האסטו בודק געווען אויב יעדער בחור האט וואס ער דארף? האסטו געמאכט זיכער אז ס'פעלט קיינעם גארנישט? די בחורים זענען דא אין ישיבה אָן א טאטע און אָן א מאמע!"

ס'געווען אמאל א געוויסער בחור וואס מ'האט געוואלט ארויס ווארפן פון ישיבה, זענען די מנהלים געקומען צום טאהש'ער רבי און פארגעלייגט דער מצב אז דער בחור דארף מען ארויס ווארפן. האט דער טאהש'ער רבי געפרעגט "וואס איז שלעכט מיט דעם בחור?", האבן זיי געענפערט "דער בחור האלט ביי גארנישט", האט דער רבי געזאגט "קויפט דעם בחור א נייע פָּאר שיך, וועט אלץ זיין מסודר"...

נאך האט ער דערציילט, אז אין שנת תשס"ב, האט דער טאהש'ער רבי זיך אויסגעדריקט מיט גרויס ווייטאג "ס'הערשט א חרון אַף אויף די וועלט, מ'געט זיך נישט אפ מיט שוואכע בחורים, וואס וועט דא זיין??"...

❖❖❖

מ'דערציילט, אז יארן צוריק איז מען געקומען צו כ"ק גאב"ד ירושלים שליט"א, און מ'האט געבעטן אז ער זאל שרייבן א המלצה פאר א געוויסע ישיבה, און זיי האבן אראפגעלייגט די מעלות פון די ישיבה און געזאגט "אין די ישיבה קומען אריין נאר מצויינים! מיר קלויבן זיך זייער און מיר נעמען אריין נאר די **סמעטענע** - די בעסטע בחורים וואס זענען דא אין די וועלט, יעדער בחור איז א למדן עצום".

האט דער ירושלימ'ער רב געזאגט "אזוי!? - איך בין מתפלל יעדען טאג פאר די ישיבה!", זענען זיי נתפעל געווארן און געפרעגט "דער רב איז טאקע מתפלל יעדען טאג פאר אונזער ישיבה?", זאגט דער גאב"ד "יא! - איך דאווען יעדען טאג אז די ישיבה זאל זיך פארמאכן!"...

ס'געווען אמאל א געוויסער בחור, א שוואכער בחור, וואס קיינער האט אים נישט אנגעקוקט, און מ'האט אים נישט אנגענומען אין קיין שום ישיבה, און ער האט זיך געדרייט אין די גאס. צום סוף איז ער ל"ע אראפ פון אידיש'ן וועג רח"ל. האט ער געזאגט מיט גרויס ווייטאג: אין דער "הגדה של פסח" שטייט "ויהי שם לגוי" - ווי אזוי איז ער געווארן א גוי - "מלמד שהיו ישראל **מצויינים** שם", מ'האט אריינגענומען נאר מצויינים"...

❖❖❖

ס'האט מיר דערציילט הרה"ג ר' הערשל ראזענפעלד שליט"א סגן מנהל רוחני פון ת"ת וויזשניץ אין מאנסי, אז מיט יארן צוריק, ווען הגה"ק בעל "תורת מרדכי" פון וויזשניץ זי"ע האט געעפנט די ישיבה אין די שטאט קייאמישא, האט מען געזאגט פאר דעם רבי'ן אז דער רבי דארף פארשטיין, אז ווען מ'עפנט א נייע ישיבה קען מען נישט גלייך אננעמען אלע בחורים, מען דארף אוועק שטעלן די ישיבה אז ס'זאל האבן א קיום, דער רבי וויל דאך נישט אז די ישיבה זאל צאמפאלן, איז כדי די ישיבה זאל זיך אוועק שטעלן געהעריג, דארף מען זיך אביסל קלויבן און געוויסע בחורים קען מען נישט גלייך אוננעמען.

ס'איז טאקע געווען עטלעכע בחורים וואס זענען געבליבן שטעקן אין מאנסי, אבער דער רבי האט זיי נישט געלאזט הפקר, דער רבי האט צוגעשטעלט פאר די פָּאר בחורים א פריוואטער "מגיד שיעור", דער "מגיד שיעור" האט געלערנט יעדען טאג מיט די בחורים. ווער איז געווען דער "מגיד שיעור"? - נישט קיין צווייטער - נאר דער **רבי** אליין בכבודו ובעצמו! ער האט געלערנט מיט די בחורים מידי יום ביומו...

מען איז אמאל געקומען צו הגה"ק מוויזשניץ זי"ע און מ'האט אים פארגעלייגט אז ס'איז דא א געוויסער בחור וואס מען דארף ארויס ווארפן פון ישיבה, האט זיך דער רבי אנגערופן "ענק ווייסן נישט אז ס'געווען צדיקים וואס פלעגן פאסטן איידער מ'האט ארויס געווארפן א בחור פון ישיבה??"...

ס'איז געווען אמאל א געוויסער בחור וואס מ'האט געוואלט ארויס ווארפן פון ישיבה, איז מען געקומען צום הייליגן "חזון איש" זי"ע, און דער מנהל האט פארגעלייגט דער מצב, און דער "חזון איש" האט נישט געהאלטן אז מען זאל ארויס ווארפן דעם בחור. האט דער מנהל געזאגט "אדער איך גיי אדער דער בחור גייט". האט דער "חזון איש" זיך אנגערופן "ביי דיר איז דאס דיני ממונות, ביי מיר איז דאס דיני נפשות"...